STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11442

DI KU UN DI KUKAVKE

Eliezer Steinbarg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די קו און
די קוקאַווקע

פון

אליעזר שטיינבאַרג

פאַרלאַג „יידישע שול״
מאנטרעאל
ה׳ תש״ו — 1946

איינמאָל איז אַ קו געגאַנגען שפּאַצירן. געגאַנגען און געגאַנגען און גראָז געגעסן, ביז זי האָט דעם וועג אַהיים פאַרגעסן. הייבט זי אויף די אויגן און זעט, אַז עס איז שוין נאַכט און זי שטייט אין מיטן וואַלד. דערשרעקט זיך די קו און וויינט:

„מו, מו, מו! פינצטער איז מיר!
ווי איז מיר, וואָס וועט מיין קעלבעלע טאָן?
מו, מו, מו!“

האָט עס דערהערט די קליינע קוקאַווקע, איז זי געקומען צופליען און צו דער קו אַזוי געזאָגט:

„נאַרישע קו, וואָס וויינסטו? איך וועל דיר דעם וועג ווייזן. קום מיט מיר!“

„אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר גוטער פויגל!“ האָט די קו זיך דערפרייט, „לאַנג לעבן זאָלסטו!“

די קוקאַווקע איז אָבער אַ שלעכטע געווען און זי האָט די קו געפירט און געפירט טיפער אין וואַלד אַריין, דאָרט וואו די בייזע וועלף וואוינען.

„כאַ, כאַ, כאַ!“ האָט די קוקאַווקע פלוצים זיך צעלאַכט, אַ פלאַטער געטאָן מיט די פליגל און אַוועקגעפלויגן.

„מו, מו, מו," האָט די קו זיך ווידער צעוויינט:
„מען האָט מיך אָפּגענאַרט, ווי צו מיר און ווינד."

האָט דער ווינט דערהערט איר געוויין און געקומען צופליען פון זייער ווייט און איר אַזוי געזאָגט:

„וואו־או־או, קיעלע, זיי שטיל און וויין נישט אַזוי, ווען די וועלף דיך נישט הערן און נישט וויסן וואו דו ביסט."

האָט דאָס קיעלע אָבער נישט פאַרשטאַנען און נאָך מער געוויינט:

„מו, מו, מו, ווער וועט מיין קעלבעלע עסן געבן? ווי איז מיר און ווינד!"

האָבן די וועלף איר קול דערהערט און געקומען און זי אויפגעגעסן.

ב

אין יענער נאַכט האָט די קוקאַווקע אַ בייזן חלום געזען: אַ קליין קעלבעלע בלאָנקעט אַרום אין וואַלד און וויינט: „מאַמע, מאַמעלע קרוין, וואו ביזטו?"

האָט דאָס שלעכטע פייגעלע זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געקוקט אין פינצטערן וואַלד אַריין. האָט זי קיינעם נישט געזען, אָבער זי האָט געהערט אַ קול פון גרויס געוויין:

ב-מלחי

„ מ אַ מ ע ! איך בין איינע אַליין געבליבן !“

איז דעם פּייגעלעס האַרץ ווייך געוואָרן און עס האָט איר באַנג געטאָן פאַר וואָס זי האָט די קו פאַרפירט צו די וועלט. האָט זי הויך גענומען רופן :

„קו ! קו ! קום צוריק ! דיין קעלבעלע רופט דיך !“ נאָר די קו ענטפערט נישט. די קו איז שוין נישטאָ. און פון דאַמאָלט אָן, ווי נאָר די קוקאַווקע לייגט זיך שלאָפן, זעט זי דאָס קעלבעלע בלאָנדזשען אין וואַלד אַליין, און ווען זי כאַפּט זיך אויף, הערט זי ווי דאָס קעלבעלע וויינט: „וואו ביסטו, מאַמע ?“

וויינט די קוקאַווקע אויך מיט אַ טרויעריק קול : „קו, קו, קו !“

און אַזוי וועט זי שוין אייביק וויינען און רופן : קו, קו !“ און אייביק וועט איר באַנג טאָן.

Copyright
Jewish School Publishing Association, Inc.
Montreal, 1946

PRINTED IN CANADA